Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 282 | Łódź, Poniedziałek 5 grudnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, ו' כסלו תרצ"ג | № 282

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# ווידער אומרוהיג אין טשענסטאכאוו

## בעת א דעמאנסטראציע פערוואונדעט עטליכע יודען. — פאליציי האט ארעסטירט 9 שלעגער

טשענסטאכאוו, 4 (טעל.)

היינט איז אין טשענסטאכאוו פארגעקומען א גאטעסדינסט פאר דער נשמה פון גראטקאווסקי'ן.

נאכדעם האט זיך פארמירט א דעמאנסטראציע פון עטליכע הונדערט מאן.

אויפ'ן פלאץ וואלנאשטשי און אויף דער אנגאגאס האט מען גענומען שלאגען יודען און אויסהאקען שויבען.

עס זענען פאראן עטליכע פערוואונדעטע יודען.

עס זענען ארעסטירט געווארען 9 קריסטען און דערונטער — דער רעדאקטאר פון „גאזעטא טשענסטאכאווסקא" רוטקאווסקי.

## רעזאלוציע פון דער ווארשאווער קהלה-פערוואלטונג

ווארשא, 4 (טעלעפאניש)

די פערוואלטונג פון דער קהלה האט אויף דער היינטיגער זיצונג אנגענומען א רעזאלוציע געגען די עקסצעסען, און צו פאדערן פון דער רעגירונג, אז עס זאל צוריקגעשטעלט ווערען די רוה.

## קלענערע געשלעגען אין די ווארשאווער גאסען

ווארשא, 4 (טעלעפאניש)

היינט זענען פארגעקומען קלענערע געשלעגען אין פערשידענע גאסען.

אויף נאוואליפיע איז א גרופע שיכורים — כוליגאנעס בעפאלען יודען; דאן זענען פון נאוואליפיער באזאר ארויס יודישע טרעגער-ארבייטער און גוט אנגעמקלט די כוליגאנעס.

18 פערזאן זענען פערוואונדעט און 6 זענען ארעסטירט.

## די ערשטע 38, וואס האבען געמאכט דעם הערבסט...

ווארשא, 4 (טעל.)

מאנטאג שטעהען שוין פאר'ן טשענסטאכאווער געריכט 38 סטודענטען, וואס האבען זיך בעטייליגט אין די שבת'דיגע געשעהענישען.

## אויסגעהאקט די שויבען אין דער „גאזעטא ווארשאווסקא"

ווארשא, 4 (טעל.)

היינט פארטאג האבען אומבעקאנטע פערזאנען אויסגעהאקט די שויבען אין דער רעדאקציע פון דער ענדעקישער "גאזעטא ווארשאווסקא" (אויף זגאדרא 8).




## וועט די לינקע אפאזיציע פערלאזען דעם סיים?

ווארשא, 4 (טעלעפאניש).

דינסטאג קומט זיך צונויף דער סיים.

אין צוזאמענהאנג דערמיט שמועסט מען שטארק אין די פאליטישע קרייזען וועגען דעם, צי די לינקע אפאזיציע וועט פאקטיש פערלאזען דעם סיים, ווי ס'האט פאראויסגעזאגט אין זיין לעצטער רעדע וויטאס.

## מארשאל פילסודסקי פאהרט קיין רוים

וואַרשאַ, 4. (טעלעפאניש).

אין די פאליטישע קרייזען גיט מען איבער, אז גאר אינגיכען זאל דער מארשאל פילסודסקי פאהרען קיין רוים.

דארט זאל ער אויפגענומען ווערען דורך מוסאליני און אפשטאטען א וויזיט אין וואטיקאן.

## עפענטליכע אויפפאדערונג

אזוי ווי הרב סעגאל, פאלודנ. 25 האט שוין 3 מאל געשיקט צו דעם ה' מארקאוויטש, עקספעדיטאר פון פלאץ וואלנאשטשי 3, אז ער זאל מקיים פסק זיין וועגען די באהן-נאכנאהמע אויף 271 זל., וואס ער האט אבגענומען אהן מיין וויסען און וויל מיר נישט צוריקגעבען. דעריבער פאדער איך איהם אויף צום לעצטען מאל, אז ער זאל מיר במשך פון 3 טעג דאס געלד צוריקגעבען. אין געגענפאל וועל איך געצווינגען זיין דעם ענין איבערצוגעבען דער פראקוראטור און וועל נישט פאר אנטווארטליך זיין פאר די וויטערדיגע פאלגען.

5071 מיט אכטונג קארזשעק.

# Dr. Wajnberg

ספעצ. פון הארץ-און לונגען-קראנקהייטען
ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02
נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אווענד.

# אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

# Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72
נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9–1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.
4091

## פאר געלד, ביזשוטעריע

און לאמבארד-קוויטעם
צאהלט די העכסטע פרייזען
אליזאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

# רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראנט, 2-טער שטאק
פערשידענע קאמגארנס
בילעצער, טאמאשאווער און לאדזער
אויף אנציגער און פאלטענס
ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערציגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
געדענקט נאר
א' פראנט, II שטאק

# Dr. med. J. SCHORR

פון IWONICZ
ספעציאליסט
פאר הארץ און סקלעראזא-קראנקהייטען
וואוינט יעצט אין לאדז
גדאנסקא 11, טעל. 226-85
2899 נעמט אן טעגליך פון 4–6 נאכמיטאג.

## שוין איז די באהנטסטע טעג

וועט יעדער איינציגער קאנען זעהען דעם נייעם ארץ ישראל'ריגען קלאנג-פילם רעדט, זינגט העברעאיש 100% א.ג.

# „דאס נייע ארץ-ישראל"

? ? ?

5072

## עפענטליכע אויפפאדערונג!

אין צוזאמענהאנג מיט'ן צונעהמען די אפרעכנונגס-ביכלעך פון די מאגאזין-שניידער-מייסטער דורך דער פירמע „קאנפעקפאל", פל. וואלנאשטשי 6, פאדערן מיר אויף די אויבענדערמאהנטע פירמע אין פערלויף פון 3 טעג אפצוגעבען די ביכלעך און די שניידער צו געבען ארבייט; אין געגענפאל וועלען מיר דעם ענין איבערגעבען דעם ארבייטס-אינספעקטאר.

די פערוואלטונג פון מאגאזין-שניידער-מייסטער-פעראיין, פילסודסקיעגא 12.

5073

## בעקאנטמאכונג.

די פערוואלטונג פון דער ת"ת „עץ הדעת", קילינסקי 60 מאכט בעקאנט, אז די ת"ת געפינט זיך יעצט אויף פאלודניאווא 30 און מיר בעטען זעהר די מיטגלידער אויך די גאנצע בעפעלקערונג, אז זיי זאלען אונטערשטיצען. עס לערנען יתומים און ארימע קינדער, און אונזער איינקסענט ה' יעקב בענדער איז אין בעסטען ארדנונג. ער ארבייט שוין ביי אונז 5 יאהר און מיר בעטען איהם ווייטער צו געבען געלד אויף דער ת"ת „עץ הדעת". עס קענען בעשטעטיגען די פאלגענדע פערזאנען:

אדמו"ר שליט"א מקינסק, פאלודניאווא 30, החזן הרב סעגאל — ה' ליפשיץ, ר' מאטעל סרעבנא, ר' נחמן דוד באמס, ר' יהודה לייב וואלף, ה' פרעזעס חיים יצחק כודא, ר' שלמה מענדעל הערשליקאוויטש, ר' משה בארנשטיין, ר' שלמה טייט...

5075

